# אבֿרהם רייזען

## דער פּרוש

אין שטעטלשן בית-מדרש איז שוין נאָך מעריבֿ. דער קאַרגער אונטער-שמשׂ, אַ הויכער, אויסגעדאַרטער ייִד מיט אַ שוואַרץ-שפּיציק בערדל, האָט שוין די לעמפּ, וואָס האָבן געברענט איבערן בימה, אויסגעלאָשן. ער האָט נאָר איבערגעלאָזן ברענען איין לאָמפּ, אָבער אויך מיט אַ שטאַרק אונטערגעדרייטן קנויט. — נאַפֿט איז טייַער! — האָט ער בייז געמורמלט לעשנדיק אַ לאָמפּ נאָך אַ לאָמפּ...

די עטלעכע איבערגעבליבענע, וואָס זייַנען געווען תּושבֿים אין בית-מדרש, האָבן אַפֿילו מתרעם געווען אויפֿן דעספּאָטישן אונטער-שמשׂ, וואָס לאָזט זיי זיצן האַלב אין דער פֿינצטער, אָבער אַזוי ווי לערנען האָבן זיי זיך געפֿוילט, האָבן זיי קיין העזה ניט געהאַט זייער פּראָטעסט הויך אויסצודריקן. אויסער דעם האָבן זיי געוווּסט, אַז דער אונטער-שמשׂ טוט עס ניט אייגנטלעך מיט זייַן אייגענער מאַכט. שפּאָרן די נאַפֿט איז אַ שטרענגער פֿאַרזאָג פֿון אויבער-שמשׂ און דער שמשׂ אַליין האָט דעם פֿאַרזאָג אַזש פֿון גבאי.

און צוריק גערעדט איז די האַלב-טונקעלע באַלייַכטונג זייער גוט צוגעפּאַסט צו די שטימונגען פֿון די איבערגעבליבענע אין בית-מדרש. עס איז אַ פּאָר וואָכן נאָך סוכּות. דרויסן שפּריצט אַ קאַלטער רעגן און די טראָפּנס פֿאַלן אויף שויבן און קלאַפּן מאָנאָטאָן. טריב און שווערמוטיק קוקן אַראָפּ די געזיכטער פֿון משה ואהרן, וועלכע זייַנען אויסגעקריצט פֿון האָלץ אויפֿן עמוד, אַפֿילו דער לעמפּערט אין מיטן אויפֿן זעלבן עמוד, אין וועלכן דער שטעטלשער שניצער האָט געוואָלט אַרייַנלייגן וואָס מער לעבן און פֿלינקייט, הויערט אַ מידער צווישן משה ואהרן און דאַכט זיך, אַז ער דרעמלט און חלומט פֿון לבֿנון-וואַלד, פֿון וואַנעט ער שטאַמט...

דערצו דער שוואַרצער פּרכות, וואָס די שטעטלשע גבֿירטע האָט געשענקט, פֿון אַ שטיק איבערגעבליבענע סחורה פֿון אירס אַ קלייד, ווייען אָן אויפֿן גרויסן אַלטן בית-מדרש אַ טיפֿן טרויער און

בענקשאַפֿט, און די שאָטנס אויף די ווענט, וואָס בילדן זיך פֿון די עטלעכע איבערגעבליבענע אין בית-מדרש, קוקן אַזוי ווי אָנגעקומענע מתים פֿון שטעטלשן בית-עולם.

די איבערגעבליבענע אין בית-מדרש באַשטיין פֿון פֿינף מענטשן אויסערן אונטער-שמשׂ. צוויי פֿון זיי זײַנען ישיבֿה-בחורים, וואָס לערנען שוין דאָ אַ פּאָר יאָר און האָבן שוין בדעה אַוועקפֿאָרן אין אַ רײַכערער שטעטל, נאָר עס פֿעלט זיי די נויטיקע ענערגיִע דערצו. איינער פֿון די צוויי, ״דער זעלוואר״, איז אַ בחור פֿון אַ יאָר צוואַנציק מיט אַ לאַנגן דינעם האַלדז, בײַם גאָמבע אַ פֿילגאָרנדיקער גאָרגל, באַוועגט זיך רירעוודיק בײַ יעדן וואָרט, וואָס עס גייט אַרויס פֿון זײַן ברייטן מויל. דער צווייטער איז דער ״דאַלינעוואר״ מיט אַ יאָר יונגער, אָבער זען זעט ער אויס פֿיל עלטער פֿאַרן זעלוואר, ווײַל ער האַלט ניט שטאַרק פֿון וואַשן דאָס פּנים, וועלכעס איז באַוואַקסן ניט נאָך די יאָרן נאָך, מיט אַ געדיכט בערדל. ניט קוקנדיק, וואָס זייער אויסזען איז גאַנץ פֿאַרשידן איינער פֿון צווייטן, לעבט דאָך דער זעלוואר מיטן דאַלינעוואר בשלום און באָרגן זיך אויס צו שטיקלעך צוקער איינער דעם אַנדערן, און רייכערןביידע בשותּפֿות, כאָטש דער זעלוואר איז אַ שטאַרקערער רייכערער... דערפֿאַר אָבער שטימען זיי ביידע ניט איין אין זייערע מיינונגען איבער עולם הבא, דער זעלוואר זאָגט, אַז עולם הבא איז טאַקע דאָ, אָבער ניט ווי מען שטעלט זיך פֿאָר אַזוי מגושמדיק: שור-הבר און לויתן זײַנען בלויז אַ משל... עולם הבא איז נאָר, ווי דער רמב״ם וויל האָבן, פֿאַרן גײַסט. דער גײַסט דערהייבט זיך ביזן זיבעטן הימל.... דער דאַלינעוואר אָבער, וועלכער איז אַ סך פּראַקטישער, האַלט אַז עולם הבא איז אויך פֿאַרן גוף און דער שור-הבר און לוויתן איז ניט קיין משל, נאָר אַ ממשותדיקע זאַך...אַז דער קאַמף וועגן די פֿראַגע צוברענט זיך שטאַרק בײַ זיי, פֿאַררייכערן זיי אַ שותּפֿותדיקע פּאַפּיראָס און זיי גלײַכן זיך ענדלעך אויס.

דער דריטער תּושבֿ פֿון בית-מדרש איז דער פּרוש. ער איז אַ ייִד פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿערציק. זײַן געדיכטע באָרד איז שוין אין עטלעכע ערטער דורכגעפֿלאָכטן מיט זילבערנע האָר. אַ פּרוש איז ער געוואָרן ניט פֿון פֿרומקייט, נאָר פֿון פֿרײַקייט וועגן. אַזוי האָט ער אַ מאָל זיך מודה געווען טאַקע פֿאַרן דאַלינעוואר.

– אַ מענטש – האָט דער פּרוש אים דעמאָלט געגעבן צו פֿאַרשטיין – דאַרף ניט האָבן קיין יאָך... אַ מענטש דאַרף פֿילן יעדע מינוט, אַז ער לעבט, און דאָס קען מען נאָר פֿילן, אַז מען איז פֿרײַ פֿון יאָך פֿון פּרנסה... איך בין צום שׂכל געקומען צו דרײַסיק יאָר און עס פֿאַרדריסט מיר זייער אויף די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב זיך געמאַכט נאַריש און געהאַלטן אַ קראָם... ניט נאָר פֿון מײַנע קליידער, נאָר אויך פֿון מײַן גײַסט האָט געשמעקט דעמאָלט מיט הערינג און נאַפֿט...

דעם דאַלינעווער איז די דאָזיקע דערקלערונג ניט שטאַרק געפֿעלן געווען... –וואָס הייסט, – האָט ער געפֿרעגט, – אַז די אַלע מענטשן וואָלטן אַזוי געוואָלט לעבן פֿרײַ, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט געהאַט...

– נו, איז וואָס... שוטה... – האָט דער פּרוש געלאַכט, – ווער זאָגט דיר אַז די וועלט דאַרף אַ קיום האָבן?...

בײַ דעם ענטפֿער איז דער דאַלינעווער שטאַרק אויפֿגעבראַכט געוואָרן: וואָס הייסט סטײַטש... די וועלט! עס איז אַזאַ שיינע וועלט!... – אָבער אויסטענהן זיך מיטן פּרוש האָט ער קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט: דער פּרוש איז געווען צו באַהאַוונט אין חכמות-חיצוניות און ער פֿלעגט "ברענגען" גאַנצע בלעטער פֿון אַריסטאָ און פּלאַטאָן, פֿון וועלכע דער דאַלינעווער האָט קיין השגה ניט געהאַט...

אַזאַ טיפֿער שמועס פֿלעגט דעם דאַלינעווער קאָסטן אַ פּאַפּיראָס-טאַבאַק, ווײַל דער פּרוש, כאָטש ניט קיין שטענדיקער רייכערער, פֿלעגט אָבער נאָך אַזאַ שאַרפֿן וכּוח מוזן פֿאַררייכערן....

דער דאַלינעווער פֿלעגט דעמאָלט צורופֿן דעם זעלווען, בײַ וועלכן די טאַבאַק האָט זיך שטענדיק געפֿונען און פֿלעגט זאָגן:

– זײַ מכבד דעם פּרוש מיט אַ פּאַפּיראָס.

דרייענדיק דעם פּאַפּיראָס, האָט דער פּרוש גוטמוטיק געפֿילאָסאָפֿירט:

– די וועלט, זאָגט איר, וועט קיין קיום ניט האָבן... יאָ, טאַקע אמת... נו, וואָס איז? זאָל זי קיין קיום ניט האָבן!... איר מיינט, קינדערלעך, אַז דאָס איז די ערשטע וועלט... עס זײַנען שוין געווען טויזנטער וועלטן... קוקט אַרײַן אין זייערע ספֿרים. נישקשה, זיי ווייסן אויך עפּעס... חי-חי-חי – זיי ווייסן מער פֿאַר אונדזער רבֿ...

די פֿרײַע געדאַנקען האָבן די צוויי ישיבֿה-בחורים געשטאָכן אין זיבעטן ריפּ. אָבער פֿאַרמסרט דעם פּרוש, האָבן זיי דאָך קיין מאָל ניט: עפּעס האָבן זיי געפֿילט צו דעם האַלב גרויען פּרוש אַ געפֿיל פֿון רחמנות און פֿלעגן אים פֿון צײַט צו צײַט מכבד זײַן מיט אַ געבאַקטן קאַרטאָפֿל, אַ גלעזל טיי און מיט אַ פּאַפּיראָס...

דער פֿערטער פֿון די תּושבֿים איז געווען יענקל דער הונט. דאָס איז געווען אַ בחורל פֿון אַ יאָר אַכצן, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אין שטעטל שוין עטלעכע יאָר און מען ווייס ניט ווער זײַן טאַטע און מאַמע איז און פֿון וואַנעט ער קומט. זײַענדיק אַ גרויסער פֿוילער, געפֿינט ער זיך שטענדיק אין בית-מדרש, ווו ער האָט אויסגעפּועלט די באַנק נעבן טיר צו שלאָפֿן.

צו די עטלעכע תּושבֿים אין בית-מדרש קומען צו אַ זייגער אַכט-נײַן אין אָוונט נאָך זײַטיקע מענטשן. עס גייט אַרײַן חיים דער מלמד, וואָס האָט פֿאַרלאָרן קנעלונג און קוקט אויס דער יאוש אַליין.

אַרײַנקומענדיק שטעלט ער זיך אַוועק נעבן בימה, בלײַבט שטיין אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט. נאָך דעם דערמאָנט ער זיך עפּעס און גייט צו צום אונטער-שמשׂ און בעט אַ שמעק-טאַבאַק. דער אונטער-שמשׂ קוקט אים אָן קרום, אָבער דאָך גיט ער אים. חיים מלמד גיט אַ שטאַרקן שמעק, צוניסט זיך און, דערמונטערנדיק זיך, גייט ער אַוועק ווײַטער, אויבן אָן, ווו דער זעלווער, דאַלינעווער און דער פּרוש זיצן אין אַ ווינקל און שמועסן.

אַ זייגער זיבן קומט אַרײַן חיענע די אלמנה מיט איר קויש עפּל... חיענע די אלמנה איז די איינציקע פֿרוי, וואָס האָט די פּריווילעגיִע צו קומען פֿראַנק און פֿרײַ אין בית-מדרש מיט איר סחורה. אַרײַנגייענדיק בלײַבט זי שטיין פֿון פֿאָרנט, באַטראַכט דעם לעערן בית-מדרש און הויבט אָן שמייכלען צו זיך אַליין: שטיינס געזאָגט, טראַכט זי, וואָס פֿאַר אַ גליקן זי קען דאָ כאַפּן. זי גייט צו צום

אויוון, גיט אים אַ שמיר מיט די הענט און דערפֿילנדיק די קעלט, וואָס ווייעט פֿון די ווײַסע קאַכל, רוקט זי זיך אָפּ אַן אַנטוישטע און שמייכלט ווידער:

– מען זאָל זיך אפֿילו אין בית-מדרש ניט קענען אָנוואַרעמען...

עס גייט צו דער אונטער-שמשׂ.

– וואָס איז די מעשׂה וואָס דער אויוון איז בײַ דיר קאַלט? – ווענדעט זי זיך צו אים פֿאַמיליאַר.

– אדרבא, – ויצלט דער אונטער-שמשׂ, – פֿאַר וואָס זאָלסטו טאַקע ניט שענקען אַ וואָגן האָלץ... נישקשה, מען זאָגט, אַז דו האָסט געלט...

אַוודאי האָב איך געלט... וואָס דען? – ויצלט צוריק די אלמנה...

דער אונטער-שמשׂ, אויך אַן אלמן, גיט זיך לוסטיק אַ קראַץ אין פּאַטילניצע און זאָגט:

– דער שוואַרץ יאָר ווייס דיר... ווען איך ווייס, אַז יאָ – וואָלט איך זיך צו דיר געשדכנט...

די אלמנה רויטלט זיך און ווערט ערנסט:

– וואָס, דו גיסט עפּעס צו לייזן?

– אַז בײַ דיר איז זייער טײַער...

– נעם... דיר וועל איך לאָזן ביליקער...

דער אונטער-שמשׂ גייט צו צום קאָשיק, קלײַבט אויס דרײַ צופֿווילטע עפּלעך און פֿרעגט:

– וואָס, למשל, וועסטו הייסן באַצאָלן דערפֿאַר?...

– הען אַ ביסל... – ענטפֿערט די אלמנה. – די גרעסטע עפּל האָט ער אויסגעקליבן... כ׳מיין... צוליב דיר – אַ קאָפּיקע.

בײַ דיר איז אַן אמתער אַפּטייק! – דינגט זיך דער אונטער-שמשׂ... אַזוינע דרײַ עפּעלעך אַ קאָפּיקע ... און אַ גראָשן וועסטו ניט נעמען?...

– איך קען ניט, בנאמנות... – שווערט זיך די ייִדענע.

– נו ווי דו ווילסט זיך... – וויל אַרײַנלייגן דער אונטער-שמשׂ די עפּעלעך צוריק...

די ייִדענע דערלייגט אים נאָך אַ קליין עפּעלע:

– נאַ, האָסטו פֿיר...

– וועסטו דערלייגן אַ פֿינפֿטע! – שמייכלט ער.

די אלמנה זוכט אַ קלייִנעם עפּעלע, געפֿינט און גיט עס דעם אונטער-שמשׂ....

– ביסט אַ באַרײַסערין! – קלאָגט ער זיך און צאָלט ענדלעך אָפּ.

דער זעלווער, דערזייענדיק פֿון ווײַטן די ייִדענע מיט די עפּל, איז ווי אויפֿגעריכט געוואָרן און האָט עס געמאָלדן דעם דאַלינעווער:

– דאַלינעווער, די עפּל זײַנען דאָ!

– עס איז אַ צו גרויסע הוצאה. – מורמלט דער דאַלינעווער...

– וואָס איז שײַך... – שפּאַרט זיך דער זעלווער. – מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש...

– נו, מילא, קויף... איך שטיי צו צו אַ חלק...

דער פּרוש האָט אַ שטילן זיפֿץ געטאָן און איז צוגעגאַנגען צו דער ייִדענע.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויסע אויגן און זיך באַגעגנט מיט איר...

זי האָט זיי פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן...

נאָך דעם ווי דער זעלווער האָט אײַנגעהאַנדלט צען עפּעלעך פֿאַר גאַנצע צוויי קאָפּיקעס, איז ער אַוועק מיט זיי צום דאַלינעווער.

דער פּרוש איז געבליבן אויג אויף אויג מיט דער אלמנה.

– אַזוי שפּעט... – האָט ער אַ מורמל געטאָן...

– וואָס זאָל מען טאָן? – האָט זי שטיל געענטפֿערט, – מען וויל לייזן...

– יאָ, – האָט דער פּרוש געמורמלט, און האָט זי שוין דרייסטער אָנגעקוקט... לייזן... איך פֿאַרשטיי...

ער האָט אינסטינקטיוו אויפֿגעהויבן די אויגן צום ווײַבערשן שול אין דער הויך.

– אין דער הויך איז פֿינצטער... – האָט ער זי סתם אין דער וועלט אַרײַן אַ מורמל געטאָן.

– וואָס זאָגט איר?... – האָט זי אים געפֿרעגט?...

– איך מיין אין דער ווײַבערשן שול, אויבן, איז גאָר פֿינצטער... האָט דער פּרוש געשטאַמלט...

– אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס?... – האָט די אלמנה זיך געוווּנדערט...

– אָט, איך מיין גלאַט.. מען קאַרגט... אויף דאָרט האָט געדאַרפֿט ברענען אַ לעמפּל... שטענדיק איז דאָרט בײַ נאַכט פֿינצטער.

ער האָט זיך אומגעקוקט. דער אונטער-שמשׂ איז געזעסן ווײַט אין אַ ווינקל און געקײַעט די עפּעלעך. דער זעלווער מיטן דאַלינעווער האָבן זיך אויך פֿאַררוקט אין אַ ווינקל און האָבן זיך געטיילט מיט די סחורה. חיים דער מלמד האָט שוין, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַ שטענדער, שטאַרק געכראָפּעט. יענקל דער הונט איז ערגעץ אַרויס.

דער פּרוש איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט, געקוקט אויף דער אלמנה און געטראַכט:

– און פֿאַר וואָס טאַקע ניט?...

די אלמנה האָט עפּעס דערפֿילט, זי האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזן דעם טיכל נידעריק איבערן קאָפּ און זיך געקליבן אַרויסצוגיין....

– וואָס זאָל מען טאָן?... מען מוז גיין...

– ווײַט?...

– יאָ, אַזש נעבן בית-עולם...

– אַ שאָד, אַ שאָד! – האָט ער געזיפֿצט... אַזאַ מהלך...

ער האָט ווידער געהויבן די אויגן צום ווײַבערשן שול, וואָס די קליינע פֿענצטערלעך האָבן געקוקט ווי שוואַרצע אויגן און גערופֿן צו עפּעס שווער-זינדיקעס...

– אַ גוטע נאַכט! – האָט די אלמנה אויסגערופֿן און איז אַרויס מיטן קאָשיק.

דער פּרוש האָט לאַנג זי נאָכגעקוקט, און אַז די אלמנה איז שוין ווײַט געווען האָט ער זיך מיט אַ זיפֿץ צוריק אומגעקערט צו די צוויי ישיבֿה-בחורים און זיך אָנגערופֿן:

– און וואָס מיינט איר איז אויסן די ייִדענע... וואָס זי קומט אַהער?...

– זי וויל לייזן... – האָט דער דאַלינעווער געענטפֿערט...

– און איך בין זי חושד אין עפּעס אַנדערש... – האָט דער פּרוש מאָדנע געשמייכלט...

– זי זאָל עפּעס וועלן גנבֿענען, מיינט איר? – האָט דער דאַלינעווער געפֿרעגט בתמימות...

– ווער ווייס?... – האָט דער פּרוש געענטפֿערט... און האָט זיך גלײַך אָפּגעהאַקט.

און מיט די ווערטער איז ער אָפּגעגאַנגען אויף עטלעכע טריט צוריק, נאָך דעם צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און זיך אײַנגעגראָבן מיט די אויגן צו יענער זײַט, וווּ דער שטעטלשער בית-עולם געפֿינט זיך...

דער דאַלינעווער מיטן זעלווען האָבן אים צוגעטראָגן אַן עפּעלע...

– עסט, פּרוש...

ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון פֿענצטער ווי ערוואַכט פֿון אַ חלום און זיך אָנגערופֿן:

– אַ יישר...

אויפֿעסנדיק דאָס עפּל, איז ער ווי באַרויִקט געוואָרן און איז אויפֿגעלייגט געוואָרן צום רויִקן דענקן:

– מיר האָבן אַ מאָל גערעדט וועגן קיום פֿון דער וועלט... – האָט ער אָנגעהויבן, אָפּווישנדיק די וואָנסעס, וואָס זײַנען אים נאַס געוואָרן פֿון דעם געפֿרוירענעם עפּעלע. – דער קיום פֿון דער וועלט איז אַ גרויסער סוד... און ניט נאָר פֿון דער וועלט... פֿון יעדן מענטשן... יעדער מענטש איז אַ וועלט און זײַן לעבן איז אַ סוד... אַנו, פּרוווט טרעפֿן...

ער האָט זיי אָנגעקוקט און גוטמוטיק זיך צעלאַכט...

חיים דער מלמד האָט פֿון שטענדער אַרויס זיך שטאַרק צוכראָפּעט...

– ס׳אַראַ מין כראָפּען אַ ביסל... האָט דער זעלווער גערעדט...

– טשעפּעט אים ניט! – האָט דער פּרוש גוט האַרציק געבעטן. – גליקלעך איז דער מענטש, וואָס שלאָפֿט... איך וועל מיך טאַקע אויך אַ ביסל צושפּאַרן. איך בין עפּעס זייער מיד...

בײַ די ווערטער איז ער אַוועק צו אַ ווינקלסטער באַנק, אויסגעטאָן דעם ראָק, אונטערגעלייגט צוקאָפּנס און זיך אויסגעצויגן אין דער לענג פֿון דער באַנק...

אין עטלעכע מינוט איז ער אײַנגעשלאָפֿן און געזען אין חלום די ייִדענע מיט די עפּל. ער האָט פֿון חלום געשטערעקט די הענט און אָנגעכאַפּט דעם שטענדער, וואָס איז געשטאַנען נעבן זײַן צוקאָפּנס...

דער שטענדער האָט זיך צושאָקלט הין און צוריק, האָט אָבער גלײַך באַקומען זײַן גלײַכגעוויכט און איז געבליבן שטיין, אַרומגענומען פֿון שלאָפֿנדיקן פּרוש...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון משה פֿעלער, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער, רפֿאל פֿינקל און אַבֿרהם ברוך בערקאָוויץ.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved